A hachanah for 11 Nissan 5785 with
Rabbi Shais Taub – SoulWords

**Day 30**
**Eve of 10 Nissan**

אגרות קודש
כרך ד
תתקעז

# “Faith in Tumultuous Times”

*Printed in Igros Kodesh vol. 4, letter 977*

By the Grace of G-d
11 Nissan, 5711,
Brooklyn

Blessings and Greetings!

I have received your letters—one dated the 24th of Adar II and the other without a date. As per your request, while at the resting place of my father-in-law, the Rebbe, of blessed memory, I mentioned for good all those in need. Please write to me his mother's name.

In general, if my response is ever delayed, it simply means that the reply has been postponed, but I fulfill the request as soon as possible. However, the delay in writing is due to the many distractions that limit my time.

You ask about a segulah (spiritual remedy). It is not my usual practice to provide segulahs, but, as in every Jewish home, one must check the mezuzot and ensure that the person concerned recites Tehillim (Psalms) every day.

You are certainly correct in what you write in your letter—that enough troubles have already been endured, and it is high time that everyone should receive help

ב"ה, י"א נִיסָן, ה'תְּשִׁ"א בְּרוּקְלִין

בְּרָכָה וְשָׁלוֹם!

אִיךְ הָאבּ בָּאקוּמֶן אַייעֶרע בְּרִיוו, אֵיינֶער פוּן כ"ד אֲדָר ב' און דֶער צְוֵייטֶער אָן אַ דַּאטוּם. לוֹיט אַייער בַּקָשָׁה, הָאבּ אִיךְ זַייעֶנְדִיק אוֹיפְן צִיּוּן פוֹן כ"ק מו"ח אַדְמו"ר זַצוּקְלְלָ"ה נְבַג"מ זִי"ע מַזְכִּיר גְוֶוען לְטוֹבָה לְכָל הַמִצְטָרֵךְ. בִּיטֶע שְׁרַייבְּט מִיר זַיין מוּטֶערְס נָאמֶען.

בִּכְלָל, טָאמֶער פָארְהָאלְט זִיךְ אָמָאל מַיין עֶנְטְפֶער, מַיינְט דָאס נָאר אַז דֶער עֶנְטְפֶער הָאט זִיךְ פָארְשְׁפֵּייטִיקְט אָבֶּער דִי בַּקָשָׁה בִּין אִיךְ מְמַלֵא בְּהַקְדֵם הָאֶפְשָׁרִי. דָאס שְׁרַייבְּן אָבֶּער הֶענְגְט אָפּ פוֹן דִי פִיל טְרָדוֹת וֶועלְכֶע בָּאשְׁרֵיינְקֶען מַיין צַייט.

אִיר פְרֵייגְט וֶועגְן אַ סְגוּלָה. אִיז בִּכְלָל נִיט מַיין דֶרֶךְ צוּ גֶעבְּן סְגוּלוֹת, אָבֶּער, וְוי אִין יֶעדֶער אִידִישֶׁער הוֹיז דָארְף מֶען בּוֹדֵק זַיין דִי מְזוּזוֹת און זֵייעֶן אַז דֶער בָּאטְרֶעפְנְדֶער זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִּים.

זִיכֶער זַייט אִיר גְרֵעכְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אִין בְּרִיוו, אַז מֶען הָאט שׁוֹין גְלִיטְן גְנוּג צָרוֹת, און ס'אִיז שׁוֹין צַייט אַז יֶעדֶערְער זָאל גְהָאלְפְן וֶוערְן אִין אַלֶעס וָואס עֶער נוֹיטִיקְט זִיךְ, וּבִפְרָט בִּבְרִיאוּת הַנְכוֹנָה. אִיךְ הָאף, אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אָנְזָאגְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת אִין דֶעם.

in everything they need, especially in terms of proper health. I hope that you will be able to bring me good news regarding this.

The comment I wish to make here is—although I am not entirely certain if it fully applies to this case:

Generally, a person's sense of security often depends on something beyond themselves, something greater than themselves. To put it simply, it relies on their feeling of faith and trust in the Creator of the Universe, in general, and in the "small universe"—namely, the human being—in particular. After the great upheavals of our generation, which have shaken many spiritual foundations and torn many people away from deeply rooted family and national traditions, this has affected many individuals, making them feel as though they are hanging in mid-air. I mean, even among those who believe, their faith has become something disconnected from their practical life: they think about it, they recite "Shema Yisrael" or "Modeh Ani"—often even with the understanding of the words—but they go through an entire day with the thought that they are alone, and each person draws conclusions from this according to their nature and disposition.

To bring these people back to their equilibrium, the most realistic approach is to reveal to them the family traditions and ancestral heritage that are now hidden within their souls. They will then realize that a person is not alone, and furthermore, that a person is the master of their fate only to a certain extent, while the main part depends entirely on the Almighty. Therefore, they do not need to carry everything on their own shoulders,

דִי בָּאמֶערְקוּנְג וָואס אִיךְ וִויל דָא מַאכְן אִיז, כָּאטְשׁ אִיךְ בִּין נִיט אִינְגַאנְצְן זִיכֶער אוֹיבְ זִי אִיז פוּלְשְׁטֶענְדִיק צוּגְפָּאסְט צוּ דֶעם פָּאל:

בִּכְלָל, הֶענְגְט דֶער זִיכֶערְהַייטְס גְפִיל בָּא אַ מֶענְטְשְׁן אִין פִיל פָּאלְן אָפְּ אָן אַ זָאךְ וָואס אִיז אוֹיסֶערְהָאלְבּ עם אִין הֶעכֶער פוּן עם. אֵיינְפָאכֶער גְזָאגְט פוּן זַיין גְפִיל פוּן אֱמוּנָה און בִּטָחוֹן אִין בּוֹרֵא עוֹלָם, בִּכְלָל, און בּוֹרֵא עוֹלָם קָטָן – זֶה הָאָדָם – בִּפְרָט. נָאךְ דִי גְרוֹיסֶע אוֹיפְטְרֵייסְלֶענִישְׁן פוּן אוּנְזֶער דוֹר, וֶועלְכֶע הָאבְּן פוּנָאנְדֶערְגְטְרֵייסְלְט פָארְשִׁידֶענֶע גֵייסְטִיקֶע יְסוֹדוֹת און אָפְּגְרִיסְן פִיל מֶענְטְשְׁן פוּן טִיף אֵיינְגְוָוארְצְלְטֶער מָסוֹרָה מִשְׁפָּחָה וָעָם, הָאט עֶס גְוִירְקְט אוֹיפְ אַ סָךְ מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי דוּכְט זִיךְ אוֹיס אַז זֵיי הֶענְגֶען בָּאוִיר. דָאס מַיין אִיךְ אַפִילוּ דִי מַאֲמִינִים שֶׁבָּהֶם, אַז בָּא זֵיי אִיז דִי אֱמוּנָה גְוָוארְן אַ זָאךְ וָואס אִיז נִיט פָארְבּוּנְדֶן מִיט זֵייעֶר פְּרָאקְטִישְׁן לֶעבְּן: מ'טְרָאכְט וֶועגְן דְרוֹיף, און מ'זָאגְט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אָדֶער מוֹדֶה אֲנִי, אָפְּט טָאקֵע אוֹיךְ מִית דֶעם פֵּירוּשׁ הַמִּלּוֹת, און דָאךְ גֵייט מֶען אַ גָאנְצְן טָאג אָרוּם מִית דֶעם גְדָאנְק, אַז מ'אִיז אַלֵיין, און יֶעדֶערְער צִיט דִי מַסְקָנוֹת דֶערְפוּן לְפִי טֶבַעוֹ וְתַהֲלוּכוֹת נַפְשׁוֹ.

כְּדֵי צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דִי מֶענְטְשְׁן צוּ זֵייעֶר גְלֵייכְגְוִויכְט, אִיז דֶער רָאֵייעלְסְטֶער וֶועג אַז מ'זָאל בָּא זֵיי מְגַלֶּה זַיין דִי מָסוֹרָה מִשְׁפָּחָה און מָסוֹרָה אֲבוֹת וָואס אִיז אִיצְט אוֹיךְ בָּאהָאלְטְן בָּא זֵיי אִין דֶער נְשָׁמָה. זֵיי וֶועלְן דָאן דֶערְזֵייעֶן, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִיט עֶלְנְד, און נָאךְ מֶערֶער, אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער בַּעַל-הַבַּיִת פוּן זַיין גוֹרָל נָאר בִּיז אַ בָּאשְׁטִימְטֶער מָאס, און דֶער עִיקָר הֶענְגְט גָאר אָפְּ פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. בְּמֵילָא

feel an overwhelming responsibility for everything, and certainly not feel despair over certain things or situations.

When we connect these people to the feeling of faith and trust—which is undoubtedly deeply rooted within them—it brings them peace and helps them navigate life with a sense of "whether you like it or not, you are alive," in a healthier way, allowing them to better fulfill the role each person has in life.

It goes without saying that for everything, and especially in matters tied to the innermost depths of the soul, one needs Heavenly assistance. Here, the merit of our ancestors helps—the fact that one descends from such a family, such parents who were thoroughly imbued with faith and trust, will ultimately awaken this same quality in their children, so that they too may come to this realization.

I hope you will bring me good news, and I conclude with my wish for a Kosher and Happy Festival to you and all your family.

With blessings that you will soon share good news.

I would be interested to know about the composition of your family, etc.

דָארְף עֶער נִיט שְׁלֶעפְּן אַלְץ אוֹיףְּ זַיינֶע אֵייגְנֶע פְּלֵייצֶעס, פִּילְן אַ גְּוָואלְדִיקֶע אַחֲרָיוּת פָּאר אַלְץ, און וֶועט רֵיידְט נָאךְ צוּ הָאבְּן אַ גְּפִיל פוּן יֵיאוּשׁ צוּ בָּאשְׁטִימְטֶע זָאכְן אָדֶער בָּאשְׁטִימְטֶע צוּשְׁטָאנְדְן.

בִּשְׁעָת מ'פָּארְבִּינְדְט דִּי מֶענְטְשְׁן מִיתְן גְּפִיל פוּן אֱמוּנָה און בִּטָּחוֹן, וָואס בְּלִי סָפֵק אִיז עֶער טִיף אֵיינְגְוָוארְצְלְט בָּא זֵיי, בְּרֶענְגְט דָּאס זֵיי רוּאִיקַיית און הֶעלְפְּט זֵיי דוּרְכְגֵּיין דֶּעם "בְּעַל כָּרְחֲךְ אַתָּה חַי" גְּזוּנְטֶערְהַיית און בֵּעסֶער אוֹיסְפִירְן דֶּעם תָּפְקִיד וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין לֶעבְּן.

זֶעלְבְּסְטְפָּארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אַז צוּ יֶעדֶער זָאךְ און בִּפְרָט אִין עִנְיָנִים וֶועלְכֶע זַיינֶען פָּארְבּוּנְדֶן מִית פְּנִימִיּוּת הַנֶּפֶשׁ, דָּארְף מֶען הָאבְּן אַ סְיַיעֲתָא דִּשְׁמַיָּא, און דָּא הֶעלְפְּט שׁוֹין זְכוּת אֲבוֹת, דָּאס וָואס מ'שְׁטָאמְט פוּן אַזָא מִשְׁפָּחָה און אַזוֹיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְכֶע זַיינֶען גְּוֶוען דוּרְכְגְּדְרוּנְגֶען דוּרְךְ און דוּרְךְ מִית אֱמוּנָה און בִּטָּחוֹן, וָואס דָּאס וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף אָפְּרוּפְן אַף דִּי קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קוּמֶן דֶּערְצוּ.
אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר אָנְזָאגְן בְּשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת און פָּארֶענְדִיקְ מִית דֶּעם וָואוּנְשׁ פָּאר אַ חַג כָּשֵׁר וְשָׂמֵחַ אַייךְ און אַלֶע אַייעֶרֶע.
בִּבְרָכָה שְׁתַּבְשֵׂר בְּשׂוּ"ט בְּקָרוֹב.

מִיר וָואלְט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ וִויסְן וֶועגְן צוּזָאמֶענְשְׁטֶעל פוּן אַייער פָּאמִילְיֶע וְכוּ'.